# פרשת לך לך ה' - י"א חשון תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת לך לך***

בתפלת שחרית לא אמרו תחנון לרגל שמחת סיום מסכת יומא שנערך במסגרת חבורת 'ובהם נהגה' שעל ידי קהלתינו הק' (במוצש"ק פרשת נח העעל"ט בבית מדרשינו בוומסב"ג).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קפ"ט סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (שבת לא.) זאגט, בשעה שמכניסין אדם לדין, ווען מען קומט ארויף אויף יענע וועלט, הייבט מען אן צו פרעגן שאלות. די ערשטע שאלה איז, נשאת ונתת באמונה, האסטו געהאנדעלט ערליך. נאכדעם פרעגט מען, קבעת עתים בתורה, האסטו עוסק געווען אין תורה, און די דריטע שאלה פרעגט מען, עסקת בפריה ורביה, צו דו האסט עוסק געווען בפריה ורביה, און נאכדעם גיט מען א דין וחשבון אויף אלעם. פארוואס האט מען מקדים געווען די ערשטע צוויי שאלות, פאר אלע אנדערע שאלות. א יוד דארף דאך האלטן אלע תרי"ג מצות התורה, וואלט מען געדארפט אנהייבן מיט די ערשטע מצוה פון די תורה, און נאכדעם די צווייטע מצוה, די דריטע מצוה, און אזוי ווייטער. פארוואס הייבט מען קודם אן מיט נשאת ונתת באמונה, ווי אזוי איז געווען דיין ביזנעס, און נאכדעם פרעגט מען, עסקת בפריה ורביה, און נאכדעם קומען די איבריגע שאלות.

**די** וואך אין די פרשה זעהט מען, אז דער דור המבול האט געזינדיגט, און דער אייבערשטער האט געברענגט א מבול, און וימח את כל היקום, מען האט אויסגעמעקט די וועלט. די מפרשים פרעגן, אז אין מדרש (ויק"ר יז-ד) שטייט, אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, ווען דער אייבערשטער שטראפט א מענטש, שטראפט ער נישט תיכף דעם נפש. ער הייבט אן קודם מיט נגעי בתים, עס קומט א נגע אינעם בית. אויב עס העלפט נישט, קומט נגעי בגדים, וואס איז נאך נאנטער צום מענטש. אויב עס העלפט נישט קיין נגעי בגדים, דעמאלטס קומט נגעי אדם, עס קומט א נגע אויפן מענטש. ער שטארבט נאך נישט, אבער עס קומט א נגע. אויב דאס העלפט אויך נישט, קומט נאכדעם הארבערע און הארבערע עונשים. דא האט דער אייבערשטער תיכף אנגעהויבן קץ כל בשר בא לפני, כי מלאה הארץ חמס מפניהם, און מען גייט מכלה זיין די גאנצע וועלט. דער בעל הרחמים איז נישט פוגע בנפשות תחלה, פארוואס איז ער נישט געגאנגען מיט א סדר, ביז ער קומט צו דערצו.

**עס** שטייט אין **ישמח משה** (פ' אחרי), אז דער מדרש (ויק"ר כ-ט) שטעלט זיך, וואס עס איז געווען דער חטא פון נדב ואביהוא אז זיי זענען געשטארבן. איין דעה איז דא אין מדרש, שלא נשאו נשים, זיי האבן נישט חתונה געהאט. פרעגט דער **ישמח משה**, אז אין חומש (ויקרא י-א) שטייט א אנדערער טעם, ויקריבו לפני ה' אש זרה אשר לא צוה אותם, זיי האבן מקריב געווען אש זרה. און דא זאגט דער מדרש, אז עס האט נישט געהאט צו טון מיט דעם וואס זיי זענען אריינגעגאנגען אינעם משכן מיט א אש זרה, נאר ווייל זיי האבן נישט חתונה געהאט, וועגן דעם זענען זיי געשטארבן. עס שטימט נישט מיט דעם סדר הפסוקים.

**זאגט** דער **ישמח משה**, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, בתחלה עלה במחשבה לברוא את העולם במדת הדין. בראשית ברא אלקים (בראשית א-א), מען גייט באשאפן די וועלט מיט מדת הדין. ראה שאין העולם מתקיים, דער באשעפער האט געזעהן אז די וועלט קען זיך נישט האלטן, שיתף אליה מדת הרחמים, שנאמר (שם ב-ד) ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים. קומט אויס, אז לעולם קומט דער דין מיט מדת הדין, נאר מען קען דאך נישט אזוי, האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט רחמים. זאגט דער **ישמח משה**, ווען א מענטש טוט פאר ישוב העולם, ער טוט פאר קיום העולם, ער טוט וואס עס איז בידו אז די וועלט זאל זיך האלטן, דעמאלטס איז ער בארעכטיגט אז ווען מען וועט אים דן זיין, זאל מען אים דן זיין מיטן מדת הרחמים, ווייל דער קיום פון די וועלט קען נישט זיין מיט מדת הדין נאר מיט רחמים. אבער ווען פאר א מענטש אינטערעסירט נישט קיום העולם, עס אינטערעסירט אים נישט יענעם, עס

אינטערעסירט אים נאר זיך אליין, אז דו טוסט נישט פאר ישוב העולם, דו טוסט נישט פאר קיום העולם, ביסטו נישט בארעכטיגט אז ווען מען וועט דיר דן זיין, זאל מען דיך דן זיין מיטן מדת החסד.

**נדב** ואביהוא האבן געזינדיגט בהקריבם אש זרה, אבער וועגן דעם קומט נאכנישט אז מען זאל תיכף שטארבן, עס זאל קומען א פייער און זיי פארברענען, אבער וויבאלד עס איז געווען לא נשאו נשים, זיי האבן נישט עוסק געווען אין קיום העולם, אז זיי האבן נישט עוסק געווען אין קיום העולם, זענען זיי נישט בארעכטיגט אז זייער דין זאל זיין מיט מדת הרחמים, וועגן דעם זענען זיי גלייך געשטארבען. דער עונש איז געקומען בקרבתם לפני ה', אבער פארוואס קומט אזא הארבע עונש, פארוואס הייבט מען נישט אן קודם מיטן מדת החסד, אויף דעם איז די סיבה ווייל עס איז געווען לא נשאו נשים.

**די** זעלבע איז געווען ביים דור המבול, ווען מען האט געזינדיגט מיט די דריי עבירות, עבודה זרה, עריות, און מלאה הארץ חמס (רש"י ו-יא). אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, עס וואלט נישט געקומען גראד צו די נפשות. דאס איז אלץ גוט ווען מען דינט עבודה זרה, טוט דער אייבערשטער דן זיין מיטן מדת החסד, אבער ווען עס איז מלאה הארץ חמס, איז דאך נישט דא קיין קיום העולם, ווען איינער נעמט צו פונעם צווייטען וואס יענער פלאגט זיך דערויף, קען נישט זיין א וועלט. לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל, גזל האט צוגעברענגט דערצו, אז דער דין זאל זיין מיטן מדת הדין, און עס זאל נישט זיין קיין מדת הרחמים. אין בעל 'הרחמים' פוגע בנפשות תחלה, ווען דער משפט קומט פונעם בעל הרחמים, איז דא א סדר, עס איז נישט פוגע בנפשות תחלה. אבער אויב עס איז מלאה הארץ חמס, דו ביסט נישט עוסק אין ישוב העולם, ביסטו נישט בארעכטיגט אז מען זאל דיך דן זיין מיטן מדת הרחמים, וועגן דעם איז געקומען דער עונש פאר זיי.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר נח, געוועהנליך איז הרג'ענען א מענטש ביי מיר די לעצטע, אבער 'קץ' כל בשר בא לפני, דאס וואס געוועהנליך איז 'קץ', ביי יעדע מענטש איז דאס די לעצטע וואס איך טו, אז איך נעם אים אוועק פון די וועלט, בא לפני, דאס איז יעצט געקומען ביי מיר תיכף אין אנהייב. ווערסטו פרעגן פארוואס, כי מלאה הארץ חמס, ביי זיי איז נישט דא קיין קיום העולם, עס איז נישט דא קיין רחמים, גייט אלעס מיטן מדת הדין, און מדת הדין האט צוגעברענגט א מבול.

**ווען** מען קומט ארויף אויף יענע וועלט, און מען דארף דן זיין דעם מענטש, הייבט זיך אן א דיון ווי אזוי מען זאל אים דן זיין. זאל מען אים דן זיין מיטן מדת הדין, צו ראה שאין העולם מתקיים במדת הדין, דארף מען אים דן זיין מיטן מדת הרחמים. דארף מען דאך יעצט וויסן ווי אזוי דער מענטש האט זיך אויפגעפירט אין קיום העולם. האט ער עוסק געווען אין קיום העולם, וועט מען אים דן זיין מיטן מדת הרחמים, אז נישט, וועט מען אים דן זיין מיטן מדת הדין. הייבט מען אים אן צו פרעגן די ערשטע שאלה, נשאת ונתת באמונה, ווי אזוי האסטו געהאנדלט, ווי אזוי איז געווען דיין קיום העולם, האסטו אכט געגעבן אויף יענעמס געלט, צו האסטו נישט אכט געגעבן. עסקת בפריה ורביה, האסטו עוסק געווען בפריה ורביה, איז געווען נשאו נשים, אז דו זאלסט אויפשטעלן א וועלט. וועט ער ענטפערן אויף דעם, יא, איך האב אכט געגעבן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס וועט דער דין שפעטער זיין מיטן מדת הרחמים. אויב ער קען אבער נישט ענטפערן ביי נשאת ונתת באמונה, און ביי עסקת בפריה ורביה, אז ער האט אזוי געטון, האסטו דאך נישט עוסק געווען בקיום העולם, און אז דו האסט נישט עוסק געווען בקיום העולם, וועט דער דין זיין א הארבערע דין. פרעגט מען קודם נשאת ונתת באמונה, עסקת בפריה ורביה, ווען א יוד פירט זיך ווי מען דארף, ער איז עוסק בפריה ורביה, טוט ער דאך פאר קיום העולם, ווען ער האנדלט ערליך, טוט ער פאר ישוב העולם, דעמאלטס איז דער דין שפעטער מיטן מדת הרחמים.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מאיר אברהם שטיינער** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **ישראל וויינגארטען** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יחזקאל שרגא היימליך** הי"ו, שהתקיים באולם לעגעסי.

*

***יום שלישי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **יוסף אלימלך הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אליעזר דוד אינזליכט** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק שווימער** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יצחק סרולאוויטש** ה"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יוסף אלימלך הערשקא** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א** (התן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי אלכסנדר אשכנזי שליט"א** אב"ד קאריץ, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום רביעי פרשת לך לך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יצחק סרולאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנסו חברי הנהלת כולל חיבת ירושלים לקבל ברכת הקודש לקראת המלוה מלכה השנתית לטובת הכולל.

*

***יום חמישי פרשת לך לך***

בשעות הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מפינסק קארלין שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער פראנקפורטער (הגה"צ רבי ישראל מסטולין זצ"ל) האט געזאגט, אז די גמרא (ר"ה לא.) זאגט, עשרה מסעות נסעה שכינה, וכנגדן גלתה סנהדרין. האט ער געזאגט, יעצט זעהט מען אז די תורה גייט אין גלות אין אמעריקא. בימים ההם איז דאך געווען א שממה דא.

**רבינו:** עס איז שוין איבעראל געווען, מוז עס אנקומען קיין אמעריקא. עס מוז דאך זיין אין אלע מקומות.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** איך האב געהערט נאכזאגן, אז אין **תניא** שטייט אז די עשרת הדברות זענען אנגעקומען אימעטום, אבער אין אמעריקא נישט (עיין **במאמרי אדמו"ר הזקן** שנת תקס"ב עמוד תע"ו, **ובאגרות מהרש"ב** ח"א עמוד קסא, **ובאגרות מהריי"צ** ח"ב עמוד רלא).

**רבינו:** אין די גמרא (זבחים קטז.) שטייט, אז מען האט געהערט מסוף העולם ועד סופו. - עס איז מיר אלץ געווען א פלא, אז רש"י זאגט אין פרשת יתרו, אז יתרו איז געקומען מיט צפורה ושני בניה, און איין דעה איז דא (שם), אז ער איז געקומען נאך מתן תורה. דאס מיינט צו זאגן, אז יעדער איז געשטאנען ביי מתן תורה, אויסער משה רבינו'ס קינדער, ווייל זיי זענען געווען אין מדין. היתכן אז משה רבינו'ס קינדער זאלן נישט הערן אנכי ה' אלקיך. מוז דאך על

כרחך זיין, אז אזוי ווי מען האט עס געהערט מסוף העולם ועד סופו, איז וואו זיי זענען געווען, האבן זיי געהערט.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** עס שטייט אין חז"ל (שם) אז זיי זענען געקומען צו בלעם, צו עס גייט אפשר זיין נאך א מבול.

**רבינו:** איז די חלק צו זיי האבן נישט געהערט איז פארענטפערט. אבער צו זעהן די מראה פון מתן תורה, ווי אזוי דער אייבערשטער קומט אראפ אויפן בארג סיני, האט געפעלט ביי זיי. און וועגן דעם האבן זיי נישט געקענט איבערנעמען די פלאץ פון משה רבינו[א].

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ב סט:) אז ווען דער רבונו של עולם האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות ג-ה) של נעלך מעל רגליך, איז ער געווארן מופשט פון עולם הזה, עד כדי כך אז אפילו זיינע קינדער ווערן שוין נישט מיוחס נאך אים, אזוי ווי עס שטייט (שם יח-ג) ואת שני בניה.

ווי אזוי קען דאס זיין אז משה רבינו האט געזאגט (דברים כט-יג) ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת וכו', און זיינע קינדער זענען נישט אריינגעגאנגען אין דעם כלל.

**רבינו:** אין ערבות מואב זענען זיי שוין געווען.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן אריכת ימים ושנים, געזונטע יארן, קענען מגדיל זיין תורה ולהאדיר.

**רבינו:** וכן למר, עס זאל זיין מיט אסאך ברכה און הצלחה, מען זאל קענען אויפטון לה' ולתורתו, להגדיל תורה ולהאדירה, און עס זאל גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** די גאנצע ענין פון גלות איז אין די וואכעדיגע פרשה. אלע מוטשענען זיך אויף דעם ויאמר ה' אל אברם, אן א גילוי פריער. דער **חידושי הרי"ם** זאגט, אז דער לך לך מארצך איז געווען פון די בריאה, אז מען דארף אוועקגיין פון די ארציות. און ביז אברהם האט עס קיינער נישט

---

[א] נעתיק מתוך דברי **רבינו שליט"א** בסעודה שלישית פרשת יתרו תשע"ח לפ"ק, וזה לשונו: הנה לא מצינו שבניו של משה יגיעו לאיזה מדריגה יותר מופלג משאר בני ישראל. ובניו של אהרן נזכרו כמה פעמים בתורה, לא כן בניו של משה לא נזכרו כלל, רק כאן בפרשתנו שבאו יחד עם יתרו. ונראה כי למאן דאמר יתרו אחר מתן תורה בא (זבחים קטז.), אם כן לא היו בניו של משה ביציאת מצרים, אלא במדין היו אז. ולא ראו בעיניהם כל הנסים הגדולות שנעשו בעשר מכות, ולא ראו נס של קריעת ים סוף, ולא הגיעו אז למדריגה שזכתה גם שפחה לראות יותר מיחזקאל הנביא, ולהראות באצבע זה א-לי ואנוהו (שמות טו-ב). עוד דבר אחד היה חסר להם, כי לא היו גם במעמד הר סיני, לשמוע דברות קודש יוצאים מפי ה', אנכי ה' אלקיך וגו'. והיא פליאה שיתרמי כן שיהיו יהודים שלא שמעו קול ה' בכח.

אמנם גם זה לא קשה, דאמרינן (זבחים קטז.) כשניתנה תורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו, וכל מלכי עכו"ם אחזתן רעדה וכו' ע"ש. אם כן גם הם שמעו קול ה' במתן תורה, אם כי היו אז במדין. אך דבר אחד נחסר מהם, שלא 'ראו בעיניהם' המעמד של הר סיני, איך ששים רבוא ישראל עמדו ביחד באימה וביראה וברתת ובזיעה לשמוע קול ה'. חסר היה להם ההכנה של שלשת ימים קדושה ופרישות. חסר היה להם אז ההשראת השכינה שיש במדה גדושה כאשר הכלל ישראל ביחד. והרי אמרו אינו דומה מועטין העושין את התורה, למרובין העושין את התורה (רש"י בחקותי כו-ח). והם יושבים בודדים במדין ושומעין אנכי ה' אלקיך.

ולא עוד אלא שהכתוב אומר (דברים ד-ט), רק השמר לך ושמור נפשך מאוד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך, והודעתם לבניך ולבני בניך, יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב, באמור ה' אלי הקהל לי את העם ואשמיעם את דברי אשר ילמדון ליראה אותי כל הימים וגו', וההר בוער באש עד לב השמים חושך ענן וערפל, וידבר ה' אליכם מתוך האש, קול דברים אתם שומעים ותמונה אינכם רואים זולתי קול. הרי לנו כמה השפעה השאיר על ישראל עצם 'יום אשר עמדת לפני ה' בחורב', עד שהוטל עלינו לזכור תמיד לא רק נתינת התורה מסיני, אלא ציור המעמד הנבחר איך היתה. כי ראייה זו השאיר רושם עמוק על כל אחד מישראל. ודבר זה היה חסר מבניו של משה, ולכן לא יכלו להגיע לשום נשיאות על בני ישראל, אשר כל אחד מהם ראה מעמד הנבחר שהם לא ראו.

ועל דרך זה היה ביתרו, אם כי מעלתו גדול מאד, שהניח כל כבודו כדי להתדבק בעם ה', מכל מקום לא יוכל להגיע למעלת הפחות מבני ישראל, שראו קריעת ים סוף ואמרו זה א-לי, וראו מעמד הנבחר איך ירד ה' מן השמים על ההר. ולכן ביקשו ממנו 'אל נא תעזוב אותנו', כדי שיראו ישראל תמיד ההפרש ביניהם, וילמדו מזה לקח על גודל מעלת הראייה בעבודת הצדיקים איך שזה עושה רושם. ואמרו לו 'והיית לנו לעינים', ללמוד על גודל חשיבות ראיית העינים, כי יתרו ואשת משה ושני בניה, לא יוכלו להגיע לעולם להתעלות כזו שתהא בבני ישראל, שראיית קריעת ים סוף ומעמד הנבחר השפיע עליהם, ועשה רושם עז בהם על כל ימי חייהם ע"כ (ועיין עוד **בשמן ראש** חלק אחד עשר במדבר דף שסא).

דערהערט, ער איז געווען דער ערשטער וואס האט עס דערהערט.

**רבינו:** להנאתך ולטובתך.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער **אור החיים הק'** זאגט, וילך אברם כאשר דבר אליו ה' (יב-ד), כאטש דער אייבערשטער האט געזאגט להנאתך ולטובתך, איז ער געגאנגען כאשר דבר אליו ה'. דער **ערבי נחל** (פ' שופטים) זאגט, אז די גמרא (ברכות כח.) ברענגט, אז איינע פון די תנאים האט געזאגט, אז ער וועט זיך אופשטעלן פאר יעדן איינעם, ואקבל שכר. זאגט דער **מהרש"א** אויפן פלאץ, לכאורה איז דאך אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס (אבות א-ג). זאגט דער **ערבי נחל**, אז די העכסטע מדריגה איז, אז איך וויל באקומען שכר, נישט ווייל איך וויל עס, נאר ווייל דער אייבערשטער איז א טוב ומטיב, ממילא וויל איך אז ער זאל קענען זיין א מטיב לבריותיו. די זעלבע זאך איז וילך אברם כאשר אליו ה', אפילו עס איז להנאתך, אבער אז דער אייבערשטער וויל עס, וועל איך עס טון.

**רבינו:** עס שטייט אין **בני יששכר** (סיון ה-יד) אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב, און די משנה ענדיגט ויהי מורא שמים עליכם, זאגט דער **בני יששכר**, אז אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס, רעדט מען פון א פרס גשמי, אבער טאמער מען וויל אז דער פרס זאל זיין יראת שמים, מעג מען טון על מנת לקבל פרס, ווייל דער פרס אליין איז אויך עבודת ה'. עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קלב.) אז זיך אויפשטעלן פאר א תלמיד חכם, איז א סגולה אויף יראת שמים. זאגט ער, אז ער האט געזאגט, אז איך וועל מיך אויפשטעלן פאר תלמידי חכמים, און וואס איז דער שכר דערויף, יראת שמים, דאס וויל איך האבען. איז די המשך אין די משנה, אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב וגו', ויהי מורא שמים עליכם, טאמער מען טוט עס פאר יראת שמים, מעג עס זיין על מנת לקבל פרס.

**א' מהגבאים:** איך בין געווען מיטן רבי'נס טאטע זכרונו לברכה (**האדמו"ר מפינסק קארלין זצ"ל**) ביי רבי משה מרדכי'ס שבע ברכות אין ויזניץ.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** נאך וועם הייסט ער משה מרדכי.

**רבינו:** מיין שווער (**כ"ק הגה"צ אב"ד וואדקערט זצ"ל**) האט געהייסען משה מרדכי.

**א' מהגבאים:** ביי אונז הייסט מען משה מרדכי נאכן **לעלוב'ער רבי זצ"ל**.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** ווענן זיין נאמען איז געווען זייער א אינטערעסאנטע זאך. מיין טאטע ז"ל פלעגט פארציילען, אז דער רבי משה מרדכי איז געבוירן טבת צייט, און י"ג טבת איז די יארצייט פון **רבי משה לעלוב'ער זי"ע**. און זיין טאטע האט געהאט א מחשבה אים צו געבן א נאמען נאך רבי משה לעלוב'ער. און די מאמע האט זיך געחלומ'ט די נאכט פון די וואכנאכט, אז עס איז דא א גרויסע ליכטיגקייט, און אסאך מענטשען גייען נאך. האט זי געפרעגט, וואס איז דאס. האט מען איר געזאגט, אז דאס איז **רבי מרדכי לעכוויטש'ער זי"ע**. האט איר מאן געפרעגט **רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע**, האט ער געזאגט, אז די חלום איז א אמת'דיגער חלום, האט ער א נאמען געגעבן משה מרדכי.

**רבינו:** איך בין געווען ביי **רבי משה מרדכי לעלוב'ער** אפאר מאל. עס איז שוין געווען סוף ימיו, ווען ער איז געווען שוואך, און ער איז געלעגן אין בעט, עס איז געווען אזא בעט וואס מען האט געקענט ארומפירן.

**ונפרדו לשלום**

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום יוסף האניג** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יחזקאל שרגא גאלדענבערג** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **שלום גאלדענבערג** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שישי פרשת לך לך</u>***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו.

*שבת קודש פרשת לך לך*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי וואלף קיצעס זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ב חשון). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו. כמו כן התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **חיים שיין** נ"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות.

אחר הקידוש השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **אפרים יצחק הילמאן** שליט"א, ושל בן הר"ר **יואל לאנדא** הי"ו, שהתקיימו בבית המדרש תפארת משה. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **שמואל איזליכט** נ"ו (חתן הר"ר יוסף אלימלך הערשקא הי"ו).

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי יהושע הורוויץ שליט"א** אב"ד באר שמואל אונסדארף, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הגה"צ רבי משה הורוויץ זצ"ל אב"ד אונסדארף).

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל סעודת מלוה מלכה וסיום הש"ס בבית בנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**עס** איז באמת ביי מיר א גרויסע שמחה, זיצענדיג ביי די סעודה פון סיום הש"ס וואס מיין חשוב'ער זון רבי יהושע האט מסיים געווען. מען האט שוין פריער געהערט, אז דער אייבערשטער גיט שכר על כל פסיעה ופסיעה, עס קומט נישט אן גרינג, ביז מען קומט אן דערצו. ער זיצט א גאנצן טאג אין כולל און ער לערנט די שיעורים, און אויסער דעם, די נעכט און צופרי'ס די פרייע צייט, האט מען א סדר צו ענדיגן ש"ס. בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני זאגט שלמה המלך (משלי כג-טו), אז מען איז זוכה אז מען זעהט א קינד וואקסט אין תורה, איז עס א געוואלדיגע שמחה פאר די עלטערן.

**בעפאר** איך וועל צוקומען צום ענין, וויל איך צוגעבן א ווארט אויף וואס רבי יהושע האט גערעדט, אז רב ששת האט געזאגט אויף זיך חדאי נפשאי חדאי נפשאי[ב], אז דער פשט איז, אז רב ששת האט געזאגט, א מענטש איז מסיים א מסכתא, און כל שכן מערערע מסכתות, און מען מאכט א חשבון וויפיל קען איך דערפון, וויפיל געדענק איך, די שכחה איז דאך זייער גרויס היינט, קען אמאל א מענטש געטראפן ווערן, אז ער איז נישט אנגעקומען ער זאל געדענקן וואס ער האט געלערנט. האט ער נאכגעזאגט אז דער **תניא** (שולחן ערוך הרב הל' ת"ת ב-י) ברענגט פון **אר"י הק'** (פרי עץ חיים בסדר הנהגת הלימוד) אז לעתיד דערמאנט מען אויבן אין הימל אלעס וואס מען האט פארגעסן.

**איך** האב נישט נאכגעקוקט אינעווייניג די לשונות, אבער איך טראכט, א מענטש איז צוזאמגעשטעלט פון א גוף מיט א נשמה. ווען א מענטש לערנט, דער גוף פארשטייט מיטן שכל, דער נפש איז דאך א שטיק קדושה, אורייתא קוב"ה וישראל חד הוא (זוה"ק ח"ג עג.), דער נפש וואס לערנט תורה ווערט איינגעזאפט די תורה אינעם נפש. צו ער געדענקט צו ער געדענקט נישט, דאס איז נאר א חלק פונעם גוף, צו דער זכרון פונעם גוף געדענקט עס, צו נישט, אבער וואס מען האט געלערנט בלייבט איינגעקריצט אינעם נפש.

**מען** געפינט אין די גמרא (ברכות ח:) אז מען דארף נזהר זיין און מכבד זיין א זקן ששכח תלמידו. ער געדענקט נישט, ער האט פארגעסן וואס ער האט געלערנט, אבער ווילאנג דער גוף איז דא, ליגט אין דעם דער נפש, און דער נפש קען די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט. און ווען מען איז אים מכבד, איז מען נישט מכבד דעם גוף פונעם מענטש, מען איז מכבד דעם נפש פונעם מענטש, און דער נפש קען כל התורה כולה.

**אז** מען געזעגנט זיך פון די וועלט, מען גייט ארויף אויבן. דער גוף בלייבט דא, דער נפש גייט ארויף. דער נפש איז אויבן אין עולם הבא, דער נפש קען כל

---

[ב] בגמרא (פסחים סח:) רב ששת כל תלתין יומין מהדר ליה תלמודיה, ותלי וקאי בעיברא דדשא, ואמר חדאי נפשאי חדאי נפשאי, לך קראי לך תנאי.

התורה כולה, דער נפש דארף מען אפילו נישט דערמאנען וואס ער האט געלערנט, ער האט עס קיינמאל נישט פארגעסן. דער גוף פארגעסט, אבער דער נפש פארגעסט נישט. און מען דארף אויף דעם נישט האבן אפילו אן אויפטו פונעם **אר"י הק'** אז מען דערמאנט די גאנצע תורה שפעטער, עס איז קיינמאל נישט פארגעסן געווארן פון אים. איך מיין אז דער פשט פונעם **אר"י הק'** איז נאר, אז וואס מען האט געלערנט, וועט ער דעמאלטס פארשטיין טיפער און טיפער פון וויפיל ער פארשטייט יעצט. א מענטש איז מוגבל אינעם שכל וויפיל ער קען פארשטיין, אבער דער נפש פונעם מענטש איז אן א הגבלה. די תורה האט דאך נישט קיין שיעור, אז מען האט געלערנט ש"ס, דעמאלטס וועט מען איבערלערנען ש"ס אויבן אין הימל אין עולם הבא אויף אן אנדערן אופן. קען ער האלב ש"ס, די האלב וואס ער האט נישט געלערנט, דאס האט ער נישט קיין זכות אז מען זאל עס אים שענקען אויבן אין הימל, אבער וואס ער האט געלערנט, וועט ער קענען אויף א העכערע מדריגה.

**וועגן** דעם האט רב ששת געזאגט, אמת טאקע אז דער גוף פארגעסט, אבער חדאי נפשאי, מיין נפש פריידט זיך נאך אלץ, איך דארף נישט ווארטן ווען איך וועל ארויף קומען אויבן אין הימל, נאר לך קראי לך תנאי, דו האסט אלעס. דער נפש האט, דער גוף פארגעסט, אבער אין נפש איז עס געבליבן. איז וועגן דעם אז מען האט געענדיגט ש"ס, דאס מיינט מען האט געלערנט כל התורה כולה, אז מען האט געלערנט כל התורה כולה אפילו מען האט עס פארגעסן, דאס איז נאר אינעם גוף, אבער אינעם נפש איז איינגעקריצט דערין כל התורה כולה. אוודאי דארף א מענטש לערנען ער זאל געדענקען, ווייל דער אייבערשטער וויל אז דער גוף זאל אויך געדענקן די גאנצע תורה, השוכח דבר אחד ממשנתו (אבות ג-ח), אבער בעצם אפילו מען האט פארגעסן, איז חדאי נפשאי, חדאי נפשאי.

*

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט משנה געווען דעם נאמען פון אברהם אבינו, ולא יקרא עוד את שמך אברם, והיה שמך אברהם, כי אב המון גוים נתתיך (יז-ה), פריער ביסטו געווען אברם, נאר אב פאר ארם, און יעצט וועסטו זיין אב המון גוים, א אב פאר די גאנצע וועלט. שפעטער האט דער אייבערשטער משנה געווען דעם נאמען פון שרה. ביי שרה איז אנדערש דער לשון פון פסוק (יז-טו), ויאמר אלקים אל אברהם, שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי, דו זאלסט איר מער נישט רופן שרי, כי שרה שמה, איר נאמען איז שרה. פארוואס איז דא א שינוי הלשון צווישן שרה מיט אברהם. עס וואלט געדארפט צו שטיין אזוי ווי ביי אברהם, ולא יקרא את שמך עוד שרי, מען וועט נישט רופן דיין נאמען שרי, והיה שמך שרה, דיין נאמען וועט זיין שרה. דער אייבערשטער האט נישט געזאגט, והיה שמך, אז דיין נאמען וועט זיין שרה, נאר רוף איר מער נישט שרי, כי שרה שמה, ווייל איר נאמען איז שוין שרה.

**איך** האב געזעהן צוברענגען פון **אגרת הטיול**, זאגט ער, אז ווען מען נעמט אויף א מלך, דארף מען נישט אויפנעמען א מלכה, ווייל אז זי האט חתונה געהאט מיטן מלך, איז תיכף וואס ער איז געווארן מלך, איז זי געווארן די מלכה. אשת חבר כחבר, אז מען נעמט אויף איינעם ער זאל זיין א רב, דארף מען איר נישט אויפנעמען אז זי זאל זיין א רביצין, ווייל עס קומט מיט. אז ער איז א רב, איז זי א רביצין. [איך האב אמאל געהערט נאכזאגן פונעם **צעהלימער רב זצ"ל** אז ער האט געזאגט, עס שטייט אין פסוק (ישעיה ) ושכרת ולא מיין. זאגט ער, צו זיין א שיכור דארף מען טרינקען וויין, אז נישט איז מען נישט קיין שיכור. אבער אז זי זאל זיין א שיכורת, מוז זי נישט טרינקען, נאר אז זי איז די פרוי פון א שיכור, איז זי א שיכורת. זי איז א שיכורת ולא מיין, א שיכורת וואס דארף נישט טרינקען קיין וויין. מען פרעגט ווער זי איז, זי איז דעם שיכור'ס ווייב. ווערט זי אנגערופן א שיכורת אן דעם וואס זי טרינקט].

**ווען** אברהם איז נשתנה געווארן אז ער איז געווארן אן אב המון גוים, האט מען נישט געדארפט מער זאגן אז שרה איז געווארן א הערנ'טע, ווייל אז אברהם איז אב המון גוים, איז דאך די רביצין אויך די זעלבע, זי איז געווארן א שרה. האט דער אייבערשטער געזאגט, פון היינט אן זאלסטו נישט רופן דיין ווייב מיטן נאמען שרי, כי שרה שמה, פון ווען איך האב דיר א נאמען געגעבן אברהם, אז דו ביסט געווארן אן אב המון גוים, איז איר נאמען אויך

אויפגעטוישט געווארן, זי איז שוין מער נישט שרי, זי איז שרה. ווייל א פרוי ווערט נגרר נאכן מאן, אז דער מאן איז צוגעקומען צו א הויכע מדריגה, איז זי אויך צוגעקומען צו די מדריגה.

*

**איך** מיין אז עס קען אבער זיין נאך אן ענין דערין, עס שטייט אין מדרש (ב"ר מז-א), פון וואו האט מען גענומען די אות ה' פון אברהם, אז מען זאל אים קענען געבן דעם נאמען אברהם. זאגט דער מדרש, אז עס איז א מחלוקת דערין. איין דיעה איז דא, אז מען האט גענומען די יו"ד פון שרה, און מען האט עס צוטיילט. א יו"ד איז דאך צוויי ה"א'ס, האט מען איין ה"א גענומען פון שרה, און מען האט עס געגעבן פאר אברהם. ממילא איז געטוישט געווארן פון שרי אויף שרה. קומט דאך אויס, אז דער אייבערשטער האט נישט געדארפט טוישן איר נאמען שרה, ווייל ווען מען האט א נאמען געגעבן פאר אברהם, אברהם, האט מען דאך גענומען די ה"א פון שרה, און אז מען האט גענומען די ה"א פון שרה, איז זי ממילא געווארן שרה. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז פון היינט אן לא תקרא את שמה שרי, דו דארפסט איר נישט רופן מער שרי, כי שרה שמה, אז איך האב דיר א נאמען געגעבן אברהם, פון וואו האב איך גענומען די ה"א, איך האב דאך עס גענומען פון איר, ממילא אז איך האב עס גענומען פון איר, כי שרה שמה, איז איר נאמען שוין שרה פון פריער.

**אז** דער אייבערשטער וויל צוגעבן פאר אברהם א ה"א, כי אב המון גוים, דארף ער עס נישט נעמען פון שרה, ער וועט שוין טרעפן א ה"א צו געבן פאר אברהם. פארוואס האט דער אייבערשטער גענומען די ה"א פון שרה, און ער האט עס אוועקגעגעבן פאר אברהם?

**נאר** מען געפונט ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, האט ער געזאגט (ב-יח) לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו, א מענטש אליינס איז לא טוב, אעשה לו עזר כנגדו. זכה, אז מען איז זוכה, נעשית לו עזר, ווערט די בני בית א עזר, זי העלפט אים צו, אז ער זאל קענען לערנען תורה. אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג), לא טוב היות האדם לבדו, אליינס וואלט מען נישט צוגעקומען צו די תורה וואס מען האט, אעשה לו עזר כנגדו, איך וועל אים געבן א עזר כנגדו. זכה, ווערט זי אן עזר, און דורכדעם קען ער זוכה זיין צו תורה.

**עס** שטייט אז דאס איז דער ענין פארוואס א צדיק באקומט נאר ש"י עולמות. ווייל מען צוטיילט די כת"ר עולמות, ער באקומט די האלב, און זי באקומט די האלב, ווייל זי האט א שייכות, און זי העלפט אים צו, ער זאל קענען לערנען, ווערט זי א חלק פון זיין תורה.

**מען** געפינט ביי רבי עקיבא (כתובות סג.), אז ער איז נישט געווען אינדערהיים פיר און צוואנציג יאר, ער איז געזעסן און געלערנט. און ווען ער איז אהיימגעקומען, און זי איז אים אקעגן געקומען, האט ער איר מכבד געווען, און ער האט געזאגט פאר די תלמידים, שלי ושלכם שלה היא, וואס איך האב געלערנט, און וואס עטץ האטס ערייכט, אלעס געהערט פאר איר. איך האב דאך חתונה געהאט, איך האב איר געגעבן א כתובה, און איך האב געשריבן אין די כתובה אז איך וועל וואוינען מיט איר, און איך האב דאך איר איבערגעלאזט, און אוועקגעגאנגען אזויפיל יארן עקסטער, איך האב געדארפט האבן רשות פון איר אז איך זאל קענען אוועקגיין, און זי האט מיר געגעבן רשות אז איך זאל אוועקגיין לערנען תורה צוועלף יאר, און זי האט מוסיף געווען אז איך זאל בלייבן נאך לענגער. האט ער געזאגט, מיין תורה איז איר תורה. ווען נישט זי העלפט צו, קען מען נישט צוקומען דערצו.

**און** אזוי איז ביי יעדן תלמיד חכם. אוקירו לנשייכו, מען דארף מכבד זיין די ווייב, ווייל וואס מען האט תורה, דאס איז אלעס איר כח. עס וואקסט דאך אויף א שטוב מיט קינדער, און דער מאן איז נישט אינדערהיים ער זאל העלפן. ווי מען האט פריער גערעדט, דער עיקר צייט איז דאך פרייטאג, שבת, זונטאג ווען די קינדער זענען נישט אין חדר, אין די צייט דארף מען לערנען 'דרשו', און עפעס אנדערש, מען האט נישט קיין צייט זיך אפצוגעבן, און זי נעמט אלעס אויף זיך, האט זי א חלק אין זיין תורה.

**אברהם** אבינו איז אויסגעוואקסן אן אב המון גוים. ווי אזוי וואקסט מען אויף צו אזא הויכע מדריגה, צו זיין אן אב המון גוים. ווען ער האט נישט אזא בני בית אזוי ווי שרה, וואס איז געווען א צדיקת, וואלט ער נישט צוגעקומען צו זיין אן 'אברהם'. אז ער איז

געוואָרן אַן אברהם, אַז ער איז געוואָרן פון אברם אַן אב המון גוים, האט ער עס צו פאַרדאַנקען פאַר שרה. כדי אברהם אבינו זאָל אנערקענען און דאַנקען פאַר די בני בית וואָס ער איז צוגעקומען, האט מען דעם אות ה"א וואָס דער אייבערשטער האט געגעבן פאַר אברהם, ארויסגענומען פון שרה. נפש חיה הוא שמו (בראשית ב-יט), די נאָמען דאָס איז איר חיות, האט ער גענומען א חלק פון איר חיות, און עס אריינגעלייגט אינעם חיות פון אברהם אבינו, אַז אברהם אבינו זאָל וויסן, אַז די גאַנצע וואָס ער איז צוגעקומען צו זיין 'אברהם', דו ביסט געוואָרן אַן אב המון גוים, פון וואו איז דאָס צוגעקומען צו דיר, האָסט עס גענומען פון שרה. ווען שרה שטייט דיך נישט צו הילף, וואָלסטו נישט צוגעקומען דערצו. וועגן דעם אל תקרא שמה שרי, דו דאַרפסט איר נישט רופן מער שרי, כי שרה שמה, ווען איך האָב דיר צוגעגעבן די ה"א, האָב איך צוגענומען פון איר, פון די יו"ד איז געוואָרן אַן ה"א, כי שרה שמה, איז איר נאָמען שרה.

**לענינינו**, איך דאַרף עס נישט מסביר זיין, און עס איז א דבר המובן מאליו די נקודה דערפון. דער אייבערשטער האט געהאָלפן, רבי יהושע האט געקענט מסיים זיין ש"ס, דאַרף ער געדענקען צו געבן קרעדיט פאַר די בני בית. עס קומט נישט פון זיך אַליין. שעה'ן און שעה'ן, וואָכן און חדשים און יאָרן וואָס מען פלאָגט זיך מיט די קינדער ב"ה, וואָס זי איז זיי מגדל אַזוי שיין, און אַסאַך מאָל דאַרף מען די הילף פונעם מאַן, און ער איז נישט אינדערהיים פונקט דעמאָלטס, און דאָך זאָגט מען נישט קיין וואָרט, און מען איז מעורר אַז מען זאָל גיין זיצן און לערנען. איז דאָס א געוואַלדיגע שמחה פאַר מיר און פאַרן מחותן אויך.

**זאָל** דער אייבערשטער געבן, מען זאָל קענען זעהן אַסאַך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און ב"ה אַז דער טאַטע לערנט, דער טאַטע איז מסיים, זענען די קינדער אויך מסיים, די קינדער פּרובירן נאָכצוגיין בדרכי אבות. דער אייבערשטער זאָל געבן אי"ה ווייטער אויך, צו קענען זיצן און לערנען מיט נחת און הרחבת הדעת, זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער בבריאת הגוף, און מיר אַלע זאָלן זוכה זיין מען זאָל קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן רואיגערהייט מתוך שמחה ונחת, און מיר זאָלן אַלע זוכה זיין אַקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

# פרשת וירא י"ב - י"ח חשון תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת מוהלים שהתקיים על ידי וועד 'ברית קודש', בבית **כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן ק"צ סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה האט דער אייבערשטער געבענטשט אברהם אבינו ואעשך לגוי גדול, דו וועסט ווערן א גרויס פאלק, און ער האט געענדיגט, ונברכו בך כל משפחות האדמה (יב-ג), אלע משפחות האדמה, אלע גוים, וועלן זיך בענטשען אין דיר. רש"י טייטשט, אז ווען איינער וועט וועלן בענטשען זיין קינד, און אים געבן א ברכה, וועט ער זאגען, דו זאלסט זיין אזוי ווי אברהם. אברהם איז געווען א געבענטשטער מענטש, און יעדער וועט זיך מברך זיין אין אברהם. עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א ענין.

**די** וואך אין די פרשה (כא-ו) שטייט, אז דער אייבערשטער האט געהאלפן שרה, אז זי האט געהאט א קינד יצחק. און ווען יצחק איז געבוירן געווארן, ותאמר שרה, צחוק עשה לי אלקים, דער אייבערשטער האט מיר געמאכט א שמחה, כל השומע יצחק לי, ווער עס הערט, פרייט זיך. טייטשט רש"י, אז דער פשט איז נישט, אז מען פריידט זיך, אז שרה האט געהאט א קינד. נאר הרבה עקרות נפקדו עמה, ווען זי איז געהאלפן געווארן, איז געווען אסאך עקרות וואס זענען נפקד געווארן. הרבה חולים נתרפאו, און עס איז געווען רב שחוק בעולם, עס איז געווען א גוטער טאג, עס זענען געבוירן קינדער, און מען איז געהיילט געווארן. כל השומע, ווער עס הערט די שמחה וואס איז דא ביי מיר, וואס די שמחה האט געברענגט א שמחה פאר אלע, יצחק לי, פרייען זיך אלע מיט. און עס דארף האבן א ביאור, ווייל עס קומט אויס, אז נישט נאר יצחק איז געבוירן געווארן, נאר צענדליגע אנדערע זענען אויך געהאלפן געווארן, האט עס דאך לכאורה אוועקגענומען די חשיבות פון לידת יצחק. דער אייבערשטער האט געטון א טובה פאר אברהם אבינו אז ער האט געהאט א קינד, און נישט נאר אברהם אבינו האט געהאט א קינד, דער גוי האט אויך געהאט א קינד, עס איז הרבה עקרות נפקדו עמו. עס איז דאך אסאך גרעסער די ישועה פונעם אייבערשטען, ווען אברהם וואס איז א עבד נאמן פארן אייבערשטען ווערט געהאלפן, און קיינער ווערט נישט געהאלפן. און דא איז געווען כל השומע יצחק לי.

**און** נאכדעם וואס איז דער כל השומע יצחק לי, יעדע מאמע קען באשטיין אז זי איז א אויסנאם, פאר איר האט דער אייבערשטער געטון א נס. און דא האט זי געזאגט, אז דער אייבערשטער האט איר געמאכט א שמחה, און כל השומע יצחק לי. זי האט צוזאמגענומען אנדערע אויך.

**די** גמרא (שבת לב.) זאגט, אז ווען מען טוט פאר איינעם א נס, מנכין לו מזכיותיו, רעכנט מען אראפ פון די זכותים. אזוי שטייט ביי יעקב (בראשית לב-יא) קטנתי מכל החסדים, דו האסט מיר געטון אזויפיל חסד, אז קטנתי, מען האט מיר צוגענומען די זכותים. קומט אויס, אז יעדע נס וואס עס געשעהט, פון איין זייט איז עס א גוטע זאך, דער אייבערשטער האט געטון א נס, אבער פון די אנדערע זייט איז דא א פרייז וואס מען באצאלט דערפאר, עס איז מנכין לו מזכיותיו. דאס איז אבער נאר א נס וואס געשעהט למעלה מדרך הטבע, א אויסנאם, אבער טאמער איז עס אין דרך הטבע, וואס דער אייבערשטער האט משדד געווען אין טבע, אז מען זאל קענען האבן קינדער וכדומה, אויף דעם רעכנט מען נישט אראפ פון די זכותים. עס איז נישט א נס מופלא.

**די** גמרא (שבת קנו.) זאגט, אז אברהם אבינו האט געזאגט פארן אייבערשטען, איך קען נישט האבן קיין קינדער, ווייל איך בין געבוירען געווארן אין מזל צדק, און אין מזל צדק קען מען נישט האבן קיין קינדער. פארוואס, ווייל מזל צדק שטייט אויף מערב זייט פון די וועלט. די וועלט איז ווארעם אויף מזרח, און קאלט אויף מערב. און אזוי ווי מיין מזל איז צדק, פון א

קאלטע מקום, קען איך נישט האבן קיין קינדער. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, איך גיי טוישן די מזל צדק, איך וועל נעמען די מזל צדק וואס איז אויף מערב, און איך גיי עס אריבערלייגן אויף מזרח, און דו וועסט האבן קינדער. מי העיר ממזרח (ישעיה מא-ב), טייטשט די גמרא, ווער האט געברענגט פון מזרח, צדק, די מזל פון צדק, יקראהו, האט אים דער אייבערשטער גערופן, ער זאל קומען אויף מזרח, לרגלו, וועגן אברהם אבינו.

**קומט** אויס, אז דאס וואס אברהם אבינו האט געהאט קינדער, איז נישט אז דער אייבערשטער האט געלאזט מזל צדק אויפן פלאץ, וואס מען קען נישט האבן קיין קינדער, און דו וועסט יא האבן, דאס איז א נס מופלא, אז ווען מען איז אין מזל צדק, האט מען א קינד. דער אייבערשטער האט אבער גענומען די מזל צדק, און די גאנצע מזל האט ער געטוישט, אז עס איז א מזל וואס מען קען יא האבן קינדער. איז ממילא האט מען נישט אראפגערעכנט פון די זכותים פון אברהם, ווייל עס איז געווען א נס אינעם דרך הטבע, אז דער אייבערשטער האט משדד געווען די מערכת השמים.

**וואו** זעהט מען אז אזוי איז צוגעגאנגען לידת יצחק, אז דער אייבערשטער האט געטוישט די מזל. ווייל טאמער דער אייבערשטער האט נישט געטוישט די מזל, און עס איז א נס, קען דאך נאר געהאלפן ווערן אברהם אליין, אבער עס קען דאך נישט זיין אז די איבריגע גוים זאלן געהאלפן ווערן דערמיט. אבער טאמער דער אייבערשטער האט געטוישט די מזל צדק פון איין זייט אויף די אנדערע זייט, איז דאך דא הונדערטער און טויזנטער מענטשען וואס זענען געווען אין די מזל, און זיי זענען יעצט געטוישט געווארן. די מזל האט ביז יעצט נישט מוליד געווען, און יעצט האבן זיי יא מוליד געווען, ווייל עס ליגט דאך אויף מזרח. קומט אויס, אז דורכדעם וואס הרבה עקרות זענען נפקד געווארן מיט איר, איז נתגלה געווארן אז דער אייבערשטער האט געטוישט די גאנצע מזל פון צדק. אויב אזוי, קומט דאך אויס אז עס איז א ריכטיגע שמחה, ווייל מען וועט נישט אראפרעכענען פון די זכותים.

**האט** זי געזאגט, צחוק עשה לי אלקים, עס איז מיר נאר א שמחה וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט מיר. איי עס איז נישט קיין צחוק, ווייל מען וועט דיר אראפרעכענען פון די זכותים. זאגט ער, ניין, דער אייבערשטער האט מיר נישט געטון א חוץ לדרך הטבע, אז איך האב געהאט א קינד, נאר כל השומע יצחק לי, עס איז דא אסאך וואס זענען נפקד געווארן. ווי אזוי זענען זיי נפקד געווארן, ווייל דער באשעפער האט געטוישט די מזל צדק אויף מזרח, און די אלע וואס זענען געווען אין די מזל זענען געהאלפן געווארן, ממילא וועט מען נישט אראפרעכענען פון מיינע זכותים.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, ואעשך לגוי גדול, וועט מען דאך פרעגן, אז מען וועט דאך אראפרעכענען פון די זכותים פון אברהם אבינו, וואס איז די חשיבות וואס ער זאגט אים צו די ברכות. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ונברכו בך כל משפחות האדמה, ווען דו וועסט געבענטשט ווערן, איז נישט נאר דו וועסט געבענטשט ווערן, נאר ונברכו בך, מיט דיר וועלן געבענטשט ווערן, כל משפחות האדמה. ווייל איך וועל טוישן די מזל צדק אויף אזא פלאץ ווי יעדער וועט קענען מוליד זיין, אויב אזוי וועט מען נישט אראפנעמען פון דיינע זכותים, דאס איז געווען א שמחה פאר אברהם אבינו, אז מען האט נישט מנקה געווען פון זיינע זכיות.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף יהושע אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם שמח תשמח.

*

***יום שני פרשת וירא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף יהושע אדלער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד ברוך ברילל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה יהודא הירש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל צבי קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת גרינפעלד שיחיו שישבו שבעה אחר פטירת אמם ע"ה אלמנת הר"ר **אברהם שלמה** ע"ה). ואצל משפחת ווייזער שיחיו שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **צבי מאיר ווייזער** ע"ה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **חיים** (ב"ר **יוסף שאול** הי"ו) **שיין** ני"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור גומלין אצל **כ"ק האדמו"ר מפינסק קארלין שליט"א.**

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** דער אמת איז אז מען טוט נישט געגנוג מחזק זיין די מנהיגים פון ארץ ישראל. מיר זענען נישט יוצא ידי חובתנו. מען זיצט און מען איז מרביץ תורה, און עס קומט אן מיט שוועריקייטן, און מען פלאגט זיך, און מען גייט אין דער פרעמד, מען דארף געבן אסאך חיזוק.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** די גמרא (ברכות ו:) זאגט, כרום זלת לבני אדם (תהלים יב-ט), כיון שנצרך אדם לבריות, פניו משתנות ככרום. איך גיי דאך נישט פאר מיר. ווען איך גיי פאר מיר, דארף איך האבן בזיונות. איך גיי דאך פארן אייבערשטענס געשעפט, וואס קומט מיר דערפאר?

**רבינו:** כולכם חייבים בכבודי. מען דארף אבער קוקן די גוטע זייט, ב"ה מען טוט אויף, מען האט אהערגעשטעלט א שיינעם ציבור, חסידים ואנשי מעשה, מבקשי ה'.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** איך זאג נישט אז איך טוה אויף, איך זאגט נאר אז איך מאך נישט קאליע.

**רבינו:** אפילו נאר צו האלטען איז א געוואלדיגע זכות. עס איז לא ימלט אז מען טוט אויף. ישראל קדושים הם.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** איך מיין אז מיט די אלע שוואכקייטן פונעם היינטיגען דור, וואס עס איז דא די שוועריקייט פון די נישט ארענטליכע, מיט דעם וואס די ערליכע האבן נישט די סארט אויר פונעם פריערדיגן דור, מיין איך אז עס איז א שיינער דור. אומעטום איז דא תורה מיט מסירת נפש, איך ווייס נישט צו דאס איז געווען אין די פריערדיגע דורות.

**רבינו:** אין כמות מן הסתם איז דא מער תורה היינט פון וואס עס איז געווען אמאל, אבער אין איכות... פון די אנדערע זייט די חסד וואס יודען טוען היינט איז אין לשער. איך האב דעם שבת גערעדט, אז מען זאגט נאך פון צדיקים, אז אויף אברהם אבינו שטייט בך חותמין. אלקי יצחק אלקי יעקב, תורה מיט עבודה וועט נישט זיין, אבער חסד וועט זיין. וויפיל רוח הקודש ליגט אין דעם, ווי אזוי האט מען אמאל געקענט פארשטיין און זאגן אז בעקבתא דמשיחא וועט זיין חסד ביי יודען אויף א גרויס פארנעם. מען גיט ברייט, און מען גיט מיט הארץ. עס איז דא די ארגיניזאציע הצלה, און טראגען מענטשען אין שפיטאל, און ביקור חולים, און אויסהאלטן די אלע מוסדות.

עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז יעדע מצוה ווערט נחקק אינעם שטערן. און ווען ער טוט נאך א מצוה, גייט אוועק די פריערדיגע און עס קומט די צווייטע, אבער צדקה דאס בלייבט אויף שטענדיג, וצדקתו עומדת לעד (תהלים קיא-ג). די חתימה פון צדקה, דאס איז בך חותמין, דער חותם בלייבט.

**וכיבד את רבינו לברך על היין תחלה**

**רבינו:** איך האב אייך מכבד געווען ביי מיר אין שטוב, און איר האט מיך געפאלגט, דארף איך אייך אויך פאלגן.

**ואיחל רבינו שליט"א:** לחיים. מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מתוך נחת והרחבת הדעת, עס זאל גרינג אנקומען, להגדיל תורה ולהאדירה, מיט בריאת הגוף, און אלעס וואס מען דארף האבן דערצו.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיין געזונט, און זעהן נחת פון די קינדער און קינדס קינדער, און פונעם גאנן עולם, יגדיל תורה ויאדיר, און מען זאל גיין אקעגן משיח געזונטערהייט.

**רבינו:** איך האב געהערט אמאל פון מיין טאטען א קארלינער ווארט, אז עס שטייט פון **רבי אהרן קארלינער זי"ע** אז שמחה איז נישט קיין מצוה, אבער צו די מדריגה וואס שמחה ברענגט, קען א אנדערע מצוה נישט ברענגען. האט ער אמאל געזאגט, אז רש"י זאגט אויף לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי (דברים כו-יג), זאגט רש"י, שמחתי ושימחתי את אחרים. ווי אזוי קען מען צוקומען צו לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי, שמחתי ושימחתי אחרים.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער **בית אהרן** האט געזאגט, אז ער האט ליב א פרייליכער יוד, אפילו ער איז נישט א ערליכער.

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פון **מיין טאטן זכרונו לברכה**, אויף איינע פון די צדיקים וואס האט אזוי משבח געווען די מצוה פון שמחה, אז ווען א יוד טוט א עבירה בשמחה, וועט ער באקומען גיהנם אויף די עבירה, און ער וועט באקומען א שטיקל גן עדן אויף די שמחה...

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** איך בין געווען ביים לעלוב'ער, און עס פלעגן אריינקומען מענטשען אן א שיעור, און ער האט געהאט ליכטיגע אויגן, ער האט אלעס געזעהן. אבער טאמער עס איז אריינגעקומען א מרה שחורה'ניק, האט ער אים נישט געקענט קוקען אין פנים.

**רבינו:** עוז וחדוה במקומו (דברי הימים א טז-כז). אין עצבות לפני המקום (חגיגה ה:).

**ונפרדו לשלום**

*

***יום רביעי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהודא שלום יאקאבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר כך הגיע **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערדנא להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו בשעטומ"צ.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **מנחם מארקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישכר דוב שפיטצער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת זיידענפעלד שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **צבי אלימלך זיידענפעלד** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי בערל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), שהתקיים בבית המדרש סערדאהעלי.

אחר הבר מצוה מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***קטע מתוך השיעור:***

**ויאמרו** אליו, די מלאכים האבן געפרעגט, איה שרה אשתך, וואו איז שרה, ויאמר, האט ער געענטפערט, הנה באהל, זי איז אין געצעלט. רש"י ברענגט צו, יודעין היו מלאכי השרת, שרה אמנו היכן היתה, זיי האבן געוואוסט וואו שרה איז, זיי זענען דאך מלאכים,

אלא להודיעו שצנועה היתה, מודיע צו זיין פאר אברהם, אז זי איז א צנועה, כדי לחבבה על בעלה.

**איך** זאג אלץ, אז די רש"י איז א מוסר השכל. מען רעדט פון אזא חשוב'ן יוד אזוי ווי אברהם אבינו, וואס די שלום בית איז געווען מן הסתם אויף די העכסטע מדריגה וואס עס קען זיין. א איש החסד ווי אברהם אבינו, אז פאר פרעמדע טוט ער נישט קיין שלעכטס, וועט ער פאר די ווייב אויך נישט טון קיין שלעכטס. און מען האלט שוין אזויפיל יארן נאך די חתונה, און די מלאכים זענען געקומען און זיי האבן אים געפרעגט איה שרה אשתך, כדי לחבבה על בעלה. דאס איז טייטש, אז מיט דעם ווערט מען נישט פערטיג. אז א יוד זאל לעבן מיט אהבה אחוה שלום וריעות, דארף מען פראבירן עס שטענדיג מחזק צו זיין, אויף וואס פאר א וועג עס איז מעגליך. און די מלאכים האבן געוואלט ארויסברענגען די חביבות פון שרה, האבן די מלאכים געפרעגט אברהם אבינו, איה שרה אשתך, כדי לחבבה על בעלה.

**עס** איז מעגליך, אזוי ווי זיי האבן געדארפט האבן יעצט א קינד, יצחק. און א קינד ראהט אין די עלטערן, די טבעיות פון די עלטערן גייען אריבער צו די קינדער, איז דאך מעגליך אז דא איז געווען א שטיקל מרה שחורה ביי שרה אמנו. זי איז נייניציג יאר אלט, זי האט נישט קיין קינד. אברהם האט א קינד, ער האט שוין געהאט ישמעאל פון הגר, ישמעאל איז שוין געווען דעמאלטס צוועלף יאר אלט, און שרה האט נאכנישט געהאט א קינד, און אברהם קען זיך ארומטראגן אויף שרה מיט א שווער הארץ, אז שרה, די אשה חביבה, האט נישט א קינד. און דער אייבערשטער האט געוואלט אז עס זאל זיין א אמת'דיגע אהבה ואחוה צווישן אברהם און שרה בעפאר מען ברענגט אראפ די נשמה פון יצחק, האט דער אייבערשטער געשיקט די מלאכים, און די מלאכים זאלן פרעגן איה שרה אשתך, מעורר זיין די חביבות על בעלה, כדי עס זאל זיין א אמת'דיגע אהבה צווישן ביידע צוזאמען.

**ווי** אזוי איז מען מעורר, ער האט דאך א שווער הארץ אויף דעם אז עס איז נישט דא קיין קינדער. מען דארף אבער אויך קוקען אויף די גוטע זייט, וואס זי האט יא. צנועה היתה. זיי האבן געוואלט ארויסברענגען איר מעלה, איר מדריגה, אז זי איז א צנועה. אפילו אנדערע זאכען פעלן פון איר, וואס זי קען דיר נישט צושטעלן, אבער דו זאלסט וויסן די גוטע זייט אויך. נישט אלץ קען מען האבן אלעס. כדי לחבבה על בעלה האבן זיי ארויסגעברענגט איר מדריגה, צנועה היתה, דו זאלסט וויסן וואס פאר א חשובע בני בית דו האסט, זי איז א צנועה, און דו דארפסט איר אנערקענען און שעצן פאר דעם אליין.

**איך** זאג עס פאר א מוסר השכל. א לענגערע צייט צוריק איז געווען ביי מיר א יודענע, און זי האט געהאט מלא טענות אויף איר מאן. און זי האט מיר געזאגט, אז זי גייט צו טעראפי שוין אזויפיל וואכען און חדשים, און קיין סאך זאכען האבן זיך נישט געטוישט, און זי האט זיך אויסגערעדט, ווי דער סדר איז. איר מאן איז באמת א תלמיד חכם, און א ערליכער, א ירא שמים. האב איך איר געזאגט, קען זיין אז דיין מאן האט פעלערס, אבער לאמיר קוקען די גוטע זייט, וואס ער האט יא. איך האב אויסגערעכנט די מעלה, די צווייטע מעלה, די דריטע מעלה, וואס ער האט יא. הייבט זי אן צו וויינען. פרעג איך איר, פארוואס וויינסטו? זאגט זי, איך גיי שוין אויף טעראפי אזויפיל וואכען און חדשים, און איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט פון מיין טעראפיסט א גוט ווארט אויף מיין מאן. מען האט נאר אייביג איבערגעקייט די פראבלעמען וואס איז דא. נאכאמאל אז ער איז אזוי שלעכט, און דו דארפסט אזוי טון, און אזוי טון. אבער איך האב קיינמאל נישט געהערט אז מען זאל מיר זאגן, אז מיין מאן האט מעלות אויך. יעצט איז די ערשטע מאל וואס איך הער אז מיין מאן האט מעלות. האט זי זיך צו וויינט. - די לחבבה על בעלה, וואס עס איז דא א ענין, אז אפילו עס איז נישט אלעס הונדערט פראצענט, אבער סוף כל סוף אין יעדן מענטש איז דא געוויסע מעלות, און געוויסע זאכען, וואס א צווייטער האט נישט. דו האסט טאקע נישט קיין קינדער מיט איר, אבער צנועה היתה. איה שרה אשתך, הנה באהל, ענטפער אז זי איז א צנועה, ברענג ארויס אירע מעלות, און דאס וועט צוברענגען לחבבה על בעלה.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרב **הערשל פאללאק** שליט"א (**בן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**).

***יום שישי פרשת וירא***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יחיאל שטערן** הי"ו שהתקיים בבית המדרש אונסדארף. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש פרשת וירא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי עזריאל הלוי הורוויץ זי"ע** (המכונה דער אייזערנער קאפ) **אב"ד לובלין** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ב חשון). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א.**

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **שמעון ברילל** הי"ו (חתן הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו) **והחתן אהרן יאקאבאוויטש** ני"ו (חתן הר"ר יהושע חיים גאלדבערגער הי"ו).